בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת
קרח
ב תמוז שנת תשפ"א
לפ"ק

שנה 2, גליון 27
(42)



ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

**שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א; אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה ט, מֵחָכָם וְתָּם.**

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

אוּן דִי צְוֵויי קִינְדֶער. פְלֶעגְט דִי וֶועלְט רוּפִין חָכָם אוּן תָּם. דֶעם הָאבִּין זֵיי גִירוּפְן חָכָם, אוּן דֶעם הָאבִּין זֵיי גִירוּפְן תָּם. כָאטְשֶׁע סֶע אִיז פַאר הַאנֶדן אַסַאךְ חֲכָמִים אוּן תַּמִים אוֹיף דֶער וֶועלְט. דָא הָאט זִיךְ עֶס אָבֶּער זֵייעֶר אָן גִיזֶעהְן, וָוארִין זֵיי זֶענֶען בֵּיידֶע גִיוֶוען פוּן אֵיין שְׁטָאט. אוּן הָאבִּין אִין אֵיין חֵדֶר גִילֶערִינְט אוּן דֶער אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ ווִילְדֶער חָכָם. אוּן דֶער אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער תָּם (אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען זֵיי דִי צוּ נֶעמֶען גִיגִיבְּן דֶעם חָכָם אוּן דֶעם תָּם) אוּן אִין דֶער סְקַאסְקֶע פַאר שְׁרַייבְּט מֶען זִיךְ אִיטְלִיכְן מִיט אַלֶע נֶעמֶען פוּן זַיין פַאמֶעלְיָא. הָאט מֶען אָנְגִישְׁרִיבְּן אוֹיף דֶעם. דֶעם צוּ נָאמֶען. חָכָם. אוּן אוֹיף דֶעם. תָּם.

אַמָאל אִיז דֶער מֶלֶךְ גִיקוּמֶען אִיבֶּער דֶער סְקַאסְקֶע. הָאט עֶר גִיפוּנֶען דִי צְוֵויי. וִוי זֵיי זֶענֶען פַארְשְׁרִיבְּן דֶער מִיט דֶעם צוּ נֶעמֶען חָכָם. אוּן דֶער מִיט דֶעם צוּ נָאמֶען תָּם. אִיז דָאס בַּאם מֶלֶךְ גִיוֶוען אַ וואוּנְדֶער. וָואס דִי צְוֵויי הָאבִּין אַזוֹינֶע צוּ נֶעמֶען חָכָם אוּן תָּם. הָאט דֶער מֶלֶךְ זֵייעֶר גִיוָואלְט זֵיי זֶעהְן. הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. אַז אִיךְ וֶועל פְּלוּצִים שִׁיקִין נָאךְ זֵיי. אַז זֵיי זָאלְן קוּמֶען פַאר מִיר. וֶועלִין זֵיי זִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּער שְׁרֶעקִין. אוּן דֶער חָכָם וֶועט גָאר נִיט ווִיסִין. וָואס צוּ עֶנְפֶערִין. אוּן דֶער תָּם וֶועט אֶפְשֶׁר מְשׁוּגָע וֶוערִין מֵחֲמַת פַּחַד. הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען דֶער מֶלֶךְ אַז עֶר זָאל שִׁיקִין אַ חָכָם צוּם חָכָם. אוּן אַ תָּם צוּם תָּם. נָאר וִוי קְרִיגְט מֶען אִין אֵיין עִיר מְלוּכָה אַ תָּם. וָוארִין אִין אֵיין עִיר מְלוּכָה (דְהַיְינוּ דִי שְׁטָאט וָואס דֶער מֶלֶךְ זִיצְט) זֶענֶען דָאס רוֹב חֲכָמִים. נָאר דֶער וָואס עֶר אִיז אַ מְמוּנֶה אִבֶּער דִי אוֹצָרוֹת עֶר אִיז דַוְוקָא אַ תָּם. וָוארִין אַ חָכָם ווִיל מֶען נִיט מַאכִין פַאר קֵיין מְמוּנֶה אִיבֶּער דִי אוֹצְרוֹת. וָוארִין טָאמֶער דוֹרְךְ זַיין חָכְמָה מִיט זַיין שֵׂכֶל. וֶועט עֶר אוֹיס בְּרֶענְגֶען דִי אוֹצְרוֹת. אִיבֶּער דֶעם מַאכְט מֶען אַ מְמוּנֶה אִיבֶּער דִי אוֹצְרוֹת אַ תָּם דַוְוקָא.

הָאט דֶער מֶלֶךְ גִירוּפִין אַ חָכָם אוּן דֶעם תָּם (וָואס עֶר אִיז אַ מְמוּנֶה אִיבֶּער דִי אוֹצְרוֹת) אוּן עֶר הָאט זֵיי גִישִׁיקְט צוּ דִי צְוֵויי (דְהַיְינוּ צוּם חָכָם אוּן צוּם תָּם) אוּן עֶר הָאט זֵיי גִיגֶעבִּין בְּרִיו צוּ אִיטְלִיכְן בַּאזוּנְדֶער. אוּן עֶר הָאט זֵיי נָאךְ אַ בְּרִיוו גִיגֶעבִּין צוּם גַאבִּירְנִיר פוּן דֶער גַאבֶּערְנְיָא וָואס דִי צְוֵויי דְהַיְינוּ דֶער חָכָם מִיט דֶעם תָּם זֶענֶען אוּנְטֶער אִים. אוּן דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהֵייסִין אִין דֶעם בְּרִיוו אַז דֶער גַאבִּירְנִיר זָאל זֵיי שִׁיקְן בְּרִיוו פוּן זַיינֶעט וֶועגִין צוּם חָכָם אוּן צוּם תָּם כְּדֵי אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ נִיט שְׁרֶעקִין. אוּן עֶר זָאל זֵיי שְׁרַייבְּן. אַז דִי זַאךְ אִיז נִיט נֵייטִיק. אוּן דֶער מֶלֶךְ אִיז נִיט גוֹזֵר דַוְוקָא אַז זֵיי זָאלִין קוּמֶען. נָאר סֶע אִיז בַּיי זֵיי דִי בְּרֵירָה. אַז זֵיי ווִילִין זָאלִין זֵיי קוּמֶען. נָאר דֶער מֶלֶךְ ווִיל זֵיי זֶעהְן.

זֶענֶען גִיפָארִין דִי שְׁלוּחִים דֶער חָכָם מִיט דֶעם תָּם. אוּן זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּם גַאבִּירְנִיד. אוּן הָאבִּין אִים אָפּ גִיגֶעבְּן דִי בְּרִיוו. הָאט דֶער גַאבִּירְנִיר נָאךְ גִיפְרֶעגְט אוֹיף דִי צְוֵויי קִינְדֶער הָאט מֶען אִים גִיזָאגְט. אַז דֶער חָכָם אִיז אַ ווִילְדֶער חָכָם אוּן אַגְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר. אוּן דֶער תָּם אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער תָּם. אוּן עֶר הָאט אַלִירְלֵיי מַלְבּוּשִׁים פוּן דֶעם פֶּעלְץ כַּנַ"ל. הָאט זִיךְ דֶער גַאבִּירְנִיר מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. סֶע אִיז בְּוַודַּאי נִט שֵׁיין אַז מֶען זָאל אִים בְּרֶענְגֶען פַאר דֶעם מֶלֶךְ אִין אַ פֶּעלְץ. הָאט עֶר אִים גִימַאכְט קְלֵיידֶער אַזוֹי וִוי סֶע קֶער צוּ זַיין. אוּן הָאט אַרַיין גִילֵייגְט אִין דֶער קַארִיטֶע פוּן דֶער תָּם. אוּן עֶר הָאט זֵיי גִיגֶעבִּין בְּרִיוו כַּנַ"ל. זֶענֶען דִי שְׁלוּחִים גִיפָארִין. אוּן זֵיי זֶענֶען צוּ זֵיי גִיקוּמֶען. אוּן הָאבְּן זֵיי אָפּ גִיגֶעבְּן דִי בְּרִיוו. דֶער חָכָם הָאט אָפּ גִיגֶעבְּן צוּם חָכָם. אוּן דֶער תָּם צוּם תָּם. תֵּיכֶּף וִוי מֶען

<<<

## חִינוּךְ ווִינְקֶל

**מסכת יומא דף ד**

**איך געב דיר די וועלט!**

ברוך השם אז מיר האבן זוכה געווען צו לערנען א דף גמרא. ווער עס הערט רעדיאו, [עס איז נישט גוט צו הערן רעדיאו], ניצן זיי דעם אויסדרוק: "געב אונז צוואנציג מינוט און מיר געבן אייך די וועלט!" (זיי געבן אין צוואנציג מינוט איבער אין קורצן די נייעס וואס טוט זיך איבער די גאנצע וועלט), איך זאג דיר אויך די זעלבע זאך: "געב מיר צוואנציג מינוט און איך געב דיר די וועלט!" א דף גמרא - דאס איז די וועלט! קוק אויפ'ן זייגער ווילאנג האט געדויערט צו לערנען א בלאט גמרא? צוואנציג מינוט!

ווען מענטשן וואלטן ווען געוואוסט אז זיי קענען לערנען וואלטן אלע געלערנט, דער פראבלעם איז נאר אז ער גייט צו א שיעור וואו דער מגיד שיעור וויל ווייזן אז ער קען לערנען, דער מגיד שיעור קוקט זיך פאר גאר א טיפע שיעור, בשעת די צוהערער זענען אויסגעמוטשעט, זיי האלטן נאך א טאג ארבעט, און דער מגיד שיעור הייבט אן נאכזאגן א תשובה וואס ער האט געזען אין דעם ספר און אין דעם ספר, ביז אלע הייבן אן איינדרימלען אינמיטן שיעור, מען מאכט אפ 'די תורה איז נישט געמאכט פאר מיר', 'די תורה איז נאר געמאכט פאר די מגידי שיעור', 'די תורה איז נאר געמאכט פאר קינדער'; עס איז אזא שאד, לערן דאס פשוט, לערן דאס אויפ'ן סדר דרך הלימוד פון רבי'ן (עיין שיחות הר"ן סימן עו) קענסט דאך ענדיגן די גאנצע תורה! אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אז מיר זענען אנגעקומען צום הייליגן רבי'ן, דער רבי לאזט מיר לערנען, דער רבי געבט מיר א וועג צו לערנען.

דו האסט געוואוסט אז מען קען לערנען א דף גמרא אין צוואנציג מינוט? פאריאר האסטו געלערנט א גאנצן זמן 'איין' דף גמרא!

**ריזיגע טאץ מיט פערפל**

א למדן האט אמאל חוזק געמאכט פון א חסיד: "ווי אזוי גייט עס ביי ענק? מען ברענגט אריין פאר ענקער רבי א ריזיגע טאץ מיט פערפל און ער עסט דערפון נאר איין לעפל, פארוואס קען מען נישט אריין ברענגען איין לעפל?..." האט דער חסיד אים צוריק געפרעגט: "און ווי אזוי גייט עס ביי ענק? וואס זענען די ריזיגע גמרות וואס ענק האלטן אין די האנט? דו לערנסט דאך אויך נאר איין שורה..."

עס זענען דא מגידי שיעורים [געוויסע זענען אזוי, נישט אז אלע זענען אזוי, חס ושלום] וואס זייער גרעסטע תענוג איז 'איך וועל ווייזן פאר די בחורים אז זיי פארשטייען

הָאט אִים אָפּ גִיגֶעבִּין דֶעם בְּרִיוו. הָאט עֶר זִיךְ אָנְגִירוּפְן צוּ דֶעם שְׁלִיחַ (וָואס עֶר אִיז אוֹיךְ גִיוֶוען אַ תָּם. כַּנַ"ל) וָואס עֶר הָאט אִים גִיבְּרַאכְט דֶעם בְּרִיוו. אִיךְ וֵוייס זִיךְ נִיט וָואס אִין דֶעם בְּרִיוו שְׁטֵייט. לֵיין אִים פַאר מִיר. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. אִיךְ וֶועל דִיר זָאגִין אוֹיסִין וֵוייניק וָואס אִין אִים שְׁטֵייט. דֶער מֶלֶךְ וִויל אַז דוּ זָאלְסְט צוּ אִים קוּמֶען הָאט עֶר תֵּיכֶף גִיפְרֶעגְט. נָאר אָן לֵיצָנוּת. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. סֶע אִיז אַ וַודְאַי אֱמֶת אָן לֵיצָנוּת.

אַזוֹי הָאט זִיךְ דֶער תַּם שְׁטֶענְדִיג גֶעפִירְט, וֶוען אֵיינֶער הָאט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט אִים הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: "נָאר אָן לֵיצָנוּת", אוּן אַז יֶענֶער הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶס אִיז אֱמֶת אָן לֵיצָנוּת", הָאט עֶר גְלַייךְ וַוייטֶער גֶערֶעדְט מִיט יֶענֶעם אוּן צוּגֶעהֶערְט וָואס יֶענֶער זָאגְט; דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער קֶענִיג הָאט גֶעוָואלְט אוֹיפְנֶעמֶען דֶעם תַּם אַלְס גָאוֶוערְנֶער אוּן מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן דֶער גָאוֶוערְנֶער, הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעפְרֶעגְט: "נָאר אָן לֵיצָנוּת", הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַוַודַאי אָן שׁוּם לֵיצָנוּת", הָאט עֶר תֵּיכֶף אָנְגֶענוּמֶען דָאס זַיין גָאוֶוערְנֶער בְּתוֹקֶף וְעוֹז.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא לח:): "הַבָּא לְטַמֵּא פּוֹתְחִין לוֹ", וֶוער עֶס וִויל אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶעלְפְט מֶען אִים צוּ פוּן הִימְל עֶר זָאל אַוֶועק גֵיין, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ג, לד): אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ"; זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן, פַארְוָואס הָאט מֶען אָנְגֶעכַאפְּט דַוְקָא דֶעם פָּסוּק: "אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ" עֶס אִיז דָאךְ דָא גֶענוּג אַנְדֶערֶע פְּסוּקִים אִין מִשְׁלֵי פוּן וואוּ מֶען קֶען דָאס אַרוֹיס לֶערְנֶען? נָאר דִי גְמָרָא הָאט אוֹיסְגֶעוָועלְט אַלְס בֵּיישְׁפִּיל דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ וָואס נֶעמְט אַוֶועק אַ מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז 'לֵיצָנוּת', וֶוער עֶס פַאלְט אַרַיין אִין דֶעם פַאלְט אִינְגַאנְצְן אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אִיז עֶר תֵּיכֶף מָלֵא שִׂמְחָה גִיוָוארִין אוּן אִיז גִילָאפִין אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּם וַוייבּ. מַיין וַוייבּ דֶער מֶלֶךְ הָאט נָאךְ מִיר גִישִׁיקְט. הָאט זִי אִים גִיפְרֶעגְט. וָואס אִיז דָאס. נָאךְ וָואס הָאט עֶר נָאךְ דִיר גִישִׁיקְט. הָאט עֶר גָאר קֵיין צַייט נִיט גֶיהַאט עֶר זָאל אִיר עֶפֶּעס עֶנְפֶערִין. אוּן הָאט זִיךְ תֵּיכֶף מְזָרֵז גִיוֶוען מִיט שִׂמְחָה אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ אַרַיין גִיזֶעצְט אִין דֶער קַארִיטֶע עֶר זָאל פָארִין מִיט דֶעם שְׁלִיחַ.

## דִי בְּרִיְוון פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

מֶען זֶעט דָא אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, יֶעדֶע זַאךְ הָאט זִיךְ דֶער תַּם דוּרְכְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט זַיין וַוייבּ, וֶוען זִי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אִיבֶּער זַיין פַּרְנָסָה, פַארְוָואס עֶר פַארְדִינְט אַזוֹי וֵוייניג אוּן אַנְדֶערֶע פַארְדִינֶען מֶער פוּן אִים, הָאט עֶר אִיר שֵׁיין גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס הָאט דָאס מִיט מִיר? דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז יֶענֶעמ'ס מַעֲשֶׂה, אוּן וִוידֶער וָואס דַארְפְן מִיר רֶעדְן פוּן אַ צְוֵוייטְן? לָאמִיר זֶען וָואס מִיר הָאבְן, לָאמִיר מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל מִיר פַארְדִינֶען מִיַד לְיַד", אָבֶּער וֶוען עֶס גֶעקוּמֶען צוּם בְּרִיוו פוּן קֶענִיג דָא הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין צַייט אִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן, דָא הָאט עֶר זִיךְ תֵּיכֶף צוּגֶעאַיילְט מִיט שִׂמְחָה אוּן גֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן שְׁלִיחַ; וַוייל וֶוען מֶען בַּאקוּמְט אַ בְּרִיוו פוּנֶעם קֶענִיג, דָאס זֶענֶען דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים, דִי בְּרִיְוון פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דִיר אַ בְּרִיוו פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף דִיר, עֶר וִויל דוּ זָאלְסְט רֶעדְן מִיט אִים, עֶר וִויל דוּ זָאלְסְט מַאכְן 'הִתְבּוֹדְדוּת', עֶר זָאגְט דוּ זָאלְסְט גֵיין צוּם צַדִיק אָדֶער פָארְן קַיין אוּמַאן וְכַדוֹמֶה - דָא פְרֶעגְט מֶען נִישְׁט קֵיינֶעם, 'אִיךְ זָאל יָא טוּן אָדֶער נִישְׁט טוּן', אַז דֶער קֶענִיג רוּפְט לוֹיפְט מֶען טוּן וָואס דֶער קֶענִיג הֵייסְט.

אִין דִי בְּרִיְוון פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֵייט, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בֶּעט מֶען זָאל יֶעדְן טָאג מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת מִיט אִים, מֶען זָאל יֶעדְן טָאג גֵיין אִין אַ זַייט אוּן דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - לוֹיפְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִין אָנְהֵייבּ וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן טוּן דִי זַאךְ פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת' פִּילְט מֶען נִישְׁט קַיין טַעַם דֶערְבֵּיי, מֶען פִּילְט וִוי מֶען קֵייט שְׁטְרוֹי, אָבֶּער מִיט דִי צַייט, אַז מֶען רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵייבְּט מֶען צוּבִּיסְלֶעךְ אָן שְׁפִּירְן דֶעם זִיסְן טַעַם פוּן הִתְבּוֹדְדוּת.

אֵיינֶער הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּ מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַז עֶר זָאגְט יֶעדֶע נַאכְט 'תִּיקוּן חֲצוֹת' אָבֶּער עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם דֶערְבֵּיי, עֶר זָאגְט סְתַּם דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים (תִּיקוּן רָחֵל: תְּהִלִּים קלז, עט; אֵיכָה פֶּרֶק ה. תִּיקוּן לֵאָה: תְּהִלִּים כד, מב, מג, כ, סז, קיא, נא, קכו) טְרִיקֶענֶערְהֵייט אָן קַיין שׁוּם טַעַם, הָאט אִים מוֹהֲרָא"שׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶס פִּילְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל אַ טַעַם אִין 'תִּיקוּן חֲצוֹת', אַז דוּ וֶועסְט עֶס זָאגְן דְרַייסִיג פֶערְצִיג יָאר אִין אַ צוּ וֶועסְטוּ בַּיים סוֹף אָנְהֵייבְּן שְׁפִּירְן דֶעם זִיסְן טַעַם וָואס אִיז דָא דֶערְבֵּיי". דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט 'הִתְבּוֹדְדוּת', אִין אָנְהֵייבּ שְׁפִּירְט מֶען נִישְׁט דֶערְבֵּיי קַיין טַעַם, אָבֶּער אַז מֶען אִיז אַן עַקְשָׁן, מֶען רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין טַעַם, הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן גָאר אַ זִיסֶע טַעַם דֶערְבֵּיי, מֶען שְׁפִּירְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נֶעבְן מִיר, אִיךְ רֶעד צוּ אִים אוּן עֶר הֶערְט מִיר אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט.

## מִי אָנֹכִי שֶׁאֶזְכֶּה...

דֶער תַּם הָאט בִּתְמִימוּת אָנְגֶענוּמֶען דֶעם בְּרִיוו פוּן קֶענִיג, וַוייל בַּיי אִים אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא זַאךְ פוּן לֵיצָנוּת, אַז דֶער קֶענִיג רוּפְט - גֵייט מֶען, וִוידֶער דֶער חָכָם וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער לֵץ אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּם קֶענִיג וַוייל עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט 'וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז דֶער גְרוֹיסֶער קֶענִיג זָאל שִׁיקְן נָאךְ מִיר?! וָואס אִיךְ בִּין דֶען וֶוערְד? אִיךְ בִּין דָאךְ אַ קְלֵיינֶער מֶענְטְשׁ?!' - מֶענְטְשְׁן קוּקְן דָאס אָן וִוי 'עֲנָוָה', עֶר טְרַאכְט 'וָואס בִּין אִיךְ דֶען וֶוערְד אַז דֶער קֶענִיג דַארְף מִיר?' אָבֶּער אִין אֱמֶתְ'ן אַרַיין אִיז דָאס נִישְׁט קַיין עֲנָוָה נָאר דָאס אִיז גָאר דִי גְרֶעסְטֶע גַּאֲוָה, דוּ טְרַאכְסְט 'אִיךְ בִּין עֶפֶּעס וֶוערְד', וֶוען דוּ וָואלְסְט וֶוען גֶעוֶוען אַן אֱמֶתְ'עֶר עָנָיו וָואלְסְטוּ וֶוען גֶעלָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן אוֹיף דֶעם תְּפִלָּה וָואס אִיז אַרַיינְגֶעדְרוּקְט אִין דִי סְדוּרִים אָנְהֵייבּ דַאוֶוענֶען: "מִי אָנֹכִי שֶׁאֶזְכֶּה לְהִתְפַּלֵּל לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וְכוּ'", אַז 'לַאו מַר בַּר רַב אַשִׁי חָתִים עֲלַייהוּ', דֶער תְּפִלָּה הָאט נִישְׁט קַיין מְקוֹר פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִיקִים אוּן מֶען זָאל דָאס נִישְׁט זָאגְן.

## טוּנְקֶעלֶע פֶענְסְטֶער אוּן עֶרְקָאנְדִישָׁן אִין דִי זִיצְן...

אִינְטֶערֶעסַאנְט אִיז אַז אַלֶץ קוּמֶען אַרַיין דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת וֶוען מֶען הַאלְט אִינְמִיטְן טוּן עֶפֶּעס אִין 'עֲבוֹדַת הַשֵּׁם', אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ 'הֲנָאַת עוֹלָם הַזֶּה' דָארְט קוּמֶען נִישְׁט אַרַיין דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת, דָארְט טְרַאכְסְטוּ נִישְׁט 'וָואס בִּין אִיךְ דֶען וֶוערְד צוּ הַנָאָה הָאבְן פוּן דִי וֶועלְט?'; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן וֶוען דוּ נֶעמְסְט אַרוֹיס אַ נֵייעֶ קַאר: "מִי אָנֹכִי שֶׁאֶזְכֶּה, וָואס בִּין אִיךְ דֶען וֶוערְד צוּ הָאבְן אַ נֵייעֶ קַאר?..." עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן וֶוען דוּ נֶעמְסְט אַרוֹיס אַ קַאר מִיט טוּנְקֶעלֶע פֶענְסְטֶער אוּן עֶרְקָאנְדִישָׁן אִין דִי זִיצְן: "מִי אָנֹכִי שֶׁאֶזְכֶּה, וָואס בִּין אִיךְ דֶען וֶוערְד צוּ הָאבְן טוּנְקֶעלֶע פֶענְסְטֶער אוּן עֶרְקָאנְדִישָׁן אִין דִי זִיצְן?..." עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן וֶוען דוּ נֶעמְסְט אַרוֹיס אַ טֵייעֶרֶע קַאר (צוּם בֵּיישְׁפִּיל: אַן Expedition): "מִי אָנֹכִי שֶׁאֶזְכֶּה, וָואס בִּין אִיךְ דֶען וֶוערְד צוּ הָאבְן אַזַא טֵייעֶרֶע קַאר?..." - אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דַאוֶוענֶען פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָארְט דַארְף מֶען וִויסְן 'מַיין דַאוֶוענֶען אִיז זֵייעֶר בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן', 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט מַיינֶע מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים'.

אִין חַבַּ"ד אִיז דָא אַ נִיגוּן: "עֶסְן עֶסְט זִיךְ, שְׁלָאפְן שְׁלָאפְט זִיךְ, וָואס זָאל מֶען טוּן אַז עֶס דַאוֶוענְט זִיךְ נִישְׁט? עֶסְן עֶסְט זִיךְ, שְׁלָאפְן שְׁלָאפְט זִיךְ, וָואס זָאל מֶען טוּן אַז עֶס לֶערְנְט זִיךְ נִישְׁט?"; קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט קַיין חִיזוּק צוּ עֶסְן, קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט קַיין חִיזוּק צוּ שְׁלָאפְן, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָארְט כַאפְּט זִיךְ אַרַיין דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין אִים שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אַז 'קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט מִיךְ נִישְׁט אוֹיס וְכוּ'; דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צֶעבְּרֶעכְן פוּן אִים.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ 'הֲפָצָה', בְּרֶענְגְט אוֹיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַרַיין דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת אִין קָאפּ: "מִי אָנֹכִי שֶׁאֶזְכֶּה, וָואס בִּין אִיךְ דֶען וֶוערְד אַז אִיךְ קֶען שׁוֹין גֵיין 'הֲפָצָה', אִיךְ זָאל גֵיין פַארֶערְכְטְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אִין דִי צַייט וָואס אִיךְ

נאך אלץ גארנישט', מען קומט מיט גרויסע ספרים און מען קוועטשט און קוועטשט ביז אלע ווערן צעקוועטשט.

דער בחור קומט צום מגיד שיעור זאגן אז ער האט געענדיגט די גמרא, זאגט אים דער מגיד שיעור: "איך וועל דיר ווייזן אז דו קענסט נישט, איך וועל דיר פארהערן..." אנשטאט ער זאל אים פארהערן און ווייזן אז ער קען יא, אפילו ער קען באמת גארנישט, אזוי וועט דער בחור ווערן אויפגעבויט און ליב האבן צו לערנען, ווייזט ער אים ווי ער קען גארנישט?!

וואס וועט געשען אז דו וועסט אים זאגן: "האסט גוט געקענט"? פארוואס דארפסטו אים אויפווייזן אז ער האט נישט אינגאנצן פארשטאנען דעם תוספות? דאס איז זיין גאנצע 'עונג שבת' צו קענען אויפווייזן דעם בחור: "זעסט דו האסט נישט פארשטאנען דעם תוספות, איך וועל דיר מסביר זיין דעם תוספות..."; איך קען רופן א גרעסערער תלמיד חכם און ער וועט דיר ווייזן אז דו קענסט אויך נישט דעם תוספות! דער רבי האט אמאל געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן מו): "אֲנִי יָכוֹל לְהַרְאוֹת לַלַּמְדָן הַגָּדוֹל שֶׁבַּגְּדוֹלִים שֶׁעֲדַיִן אֵינוֹ יָכוֹל לִלְמֹד כְּלָל וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ כְּלָל", איך קען ווייזן פאר'ן גרעסטן למדן אז ער קען נישט לערנען, און ווייסט בכלל נישט וואס מיינט לערנען, "וְכֵן לְהֶפֶךְ, אֲנִי יָכוֹל לְהַרְאוֹת לְהַקְּטַנִּים שֶׁקְּרוֹבִים לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּלְהַתּוֹרָה וְכוּ'", און אזוי אויך פארקערט, איך קען ווייזן פארן קלענסטן מענטש אז ער איז זייער נאנט

דַארְף זִיךְ נָאךְ אַלֵיינְס פַארְרֶעכְטְן?" אָבֶער דָא טָאר מֶען זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם, נָאר פוּנְקְט פַארְקֶערְט, וַוייל אִיךְ דַארְף זִיךְ אַלֵיין פַארְרֶעכְטְן וֶועל אִיךְ גֵיין 'הַפָּצָה', דָאס וֶועט זַיין אַ תִּיקוּן פַאר מַיינֶע עֲבֵירוֹת, וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּיקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחְזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", עֶס אִיז אַ תִּיקוּן פַאר פְּגַם הַבְּרִית אַז מֶען זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְוַוייל הָאט עֶר דָארְט דֶערְזֶעהְן דִי קְלֵיידֶער (וָואס דֶער גְּבִירְנִיר הָאט גִימַאכְט פוּן זַיינֶעט וֶועגְן אוּן הָאט אַרַיין גִילֵייגְט אִין זַיין קַארִיטֶע כַּנַ"ל) הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ מֶער גִיפְרֵייט. עֶר הָאט שׁוֹין קְלֵיידֶער אוֹיךְ. אוּן אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גִיוֶוען.

דָא זֶעט מֶען אַז דֶער תָּם אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא נַאר וִוי מֶען מֵיינְט, אַז עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען צוּ קְלֵיידוּנְג אוּן עֶסְנְוַוארְג וְכַדוֹמֶה, דָא זֶעט מֶען אַז דֶער תָּם הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט צוּ שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, עֶר הָאט גָאר גוּט פַארְשְׁטַאנֶען צוּ שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, עֶר הָאט גוּט גֶעווּאוּסְט וָואס טוּט זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, נָאר וָואס דֶען? אַז עֶס הָאט גֶעפֶעלְט דִי שֵׁיינֶע קְלֵיידוּנְג, אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט דִי גוּטֶע עֶסְנְוַוארְג אִיז עֶר וַוייטֶער גֶעבְּלִיבְּן פְרֵיילִיךְ, דָאס הָאט אִים נִישְׁט אַוֶועק גֶענוּמֶען פוּן זַיין שִׂמְחָה, דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעהַאט אַ גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן.

## חֶשְׁבּוֹנוֹת מִיטְ'ן גְרוֹיסְן סוֹחֵר

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס וואוֹינְט אִין מָאנְסִי יע"א: עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ צוּ הֶערְן אַבִּיסְל חִיזּוּק, אִיבֶּער חַזֶרְ'ן דִי אַלֶע גוּטֶע עֵצוֹת וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז; מִיר הָאבְּן שׁוֹין אִין מָאנְסִי יע"א דְרֵיי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים וואוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם יֶעדְן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, גֵיי אוֹיךְ אַהִין דַאוֶוענֶען, אַז מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ אַלֶע דְרֵיי תְּפִילּוֹת קוּם כָאטְשׁ צוּ אֵיין תְּפִלָּה; מֶען קֶען נִישְׁט פַאסְטְן לֶענְגֶער וִוי 'מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת', אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט קַיין חִיזּוּק אִיז דָאס אַזוֹי וִוי מֶען פַאסְט, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן, אִיז וִויכְטִיג כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אַ וָואךְ צוּ קוּמֶען זִיךְ מְחַזֵּק מִיטְ'ן רֶבִּי'נְס עֵצוֹת.

מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט (סֵפֶר פַּרְנָסָה טוֹבָה, שִׂיחוֹת הִתְחַזְּקוּת, סִימָן קיז), אִין שְׁטָאט וַוארְשָׁא הָאט גֶעוואוֹינְט אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר, שַׁבָּת פְלֶעגְט עֶר קוּמֶען דַאוֶוענֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אָבֶער בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית פְלֶעגְט עֶר נִישְׁט קוּמֶען, וַוייל רֶבִּי יִצְחָק בְּרֵייטֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, פְלֶעגְט פָארְלֶערְנֶען בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן עֶר פְלֶעגְט אַרַיינְצִיעֶן נָאכְ'ן זְמַן מוֹצָאֵי שַׁבָּת, אוּן דֶער סוֹחֵר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעאַיילְט מוֹצָאֵי שַׁבָּת, עֶס פְלֶעגְן אִים אָפְּוַוארְטְן דִי אַנְדֶערֶע סוֹחֲרִים מַאכְן מִיט אִים דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן זַיין מִסְחָר. אֵיינְמָאל הָאט אִים רֶבִּי יִצְחָק גֶעטְרָאפְן, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס הָאסְטוּ אוֹיפְגֶעהֶערְט קוּמֶען צוּ סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, דוּ קֶענְסְט דָאךְ הֶערְן אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע חִיזּוּק פוּן רֶבִּי'ן?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ אַייל זִיךְ, אִיךְ דַארְף לוֹיפְן צוּ מַיינֶע סוֹחֲרִים מַאכְן דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן דִי מִסְחָר", הָאט אִים רֶבִּי יִצְחָק צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט: "אוּן וֶוען וֶועסְטוּ מַאכְן דַיינֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת מִיטְ'ן גְרוֹיסְן סוֹחֵר, מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וואוּ דַיין דַאוֶוענֶען הַאלְט, וואוּ דַיין לֶערְנֶען הַאלְט א.א.וו.?" דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען אַרַיין אִין אִים אוּן עֶר הָאט צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּמֶען אוֹיךְ צוּ סְעוּדָה שְׁלִישִׁית.

פוּן וָואס וֶועט מֶען רֶעדְן בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית? מֶען וֶועט רֶעדְן דִי זֶעלְבֶּע דִיבּוּרִים וָואס מֶען הָאט יֶעצְט גֶערֶעדְט, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין נַייעֶס, אָבֶער מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן חִיזּוּק אוֹיף דִי זַאכְן. אוֹיף 'קוֹל בְּרֶסְלֶב' קֶען מֶען הֶערְן שִׁיעוּרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן שְׁנַת תש"ל אוּן וַוייטֶער, הֶערְט מֶען וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶערֶעדְט דִי זֶעלְבֶּע דִיבּוּרִים פַאר פוּפְצִיג יָאר אִין אַ צוּ, עֶר הָאט גֶערֶעדְט פוּן דִי זֶעלְבֶּע (בְּעֶרֶךְ) פִינֶעף זַאכְן, פוּן: 'תּוֹרָה', 'תְּפִלָּה', 'שִׂמְחָה', 'שְׁלוֹם בַּיִת', 'פְּשִׁטּוּת יַהֲדוּת'; צוּמָאל פְלֶעגְט עֶר הָאבְּן חִידּוּשִׁים אַזַא מַעֲשֶׂה אוּן אַזַא מַעֲשֶׂה, אָבֶער אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען גֶעבּוֹיעֶט נָאר אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע פָאר זַאכְן.

דוּ וֶועסְט הֶערְן נָאכְאַמָאל חִיזּוּק אוֹיף 'הִתְבּוֹדְדוּת'; זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן:

**"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הֵייב אָן פוּן יֶעצְט, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט, אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט זִינְדִיגְן", אוּן אוֹיבּ דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיָיאֵשׁ אַז דוּ קֶענְסְט מֶער נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאר גֵיי אִין אַ זַייט אוּן וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר הִיט מִיר אָפּ, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק נִישְׁט זִינְדִיגְן; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען מְקַדֵּשׁ זַיין מַיינֶע זִיבְּן נֵרוֹת** (עַיֵּין לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כא)**, דִי אוֹיגְן, אוֹיעֶרְן, נָאז אוּן מוֹיל. דִי אוֹיגְן - אִיךְ זָאל נִישְׁט קוּקְן קַיין שְׁלֶעכְטְס; דִי אוֹיעֶרְן - אִיךְ זָאל הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, גְלֵייבְּן אִין אַלֶעס וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן; דִי נָאז - אִיךְ זָאל הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין דִיר וואוּסֶענְדִיג אַז אַלֶעס בִּיסְטוּ, אַזוֹי וֶועל אִיךְ זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן; דִי מוֹיל - אִיךְ זָאל נִישְׁט רֶעדְן קַיין שְׁלֶעכְטְס, קַיין לִיגְנְט וְכַדוֹמֶה".**

דוּ וֶועסְט הֶערְן נָאכְאַמָאל חִיזּוּק אוֹיף 'מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין'; וִויפִיל אִיךְ טְרַאכְט אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶענוּג גֶערֶעדְט פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין זֶע אִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶענוּג גֶערֶעדְט דֶערְפוּן, יֶעדֶע וָואךְ זֶע אִיךְ נָאךְ אִינְגֶעלַייט זִיצְן בִּשְׁעַת קְרִיאַת הַתּוֹרָה מִיט אַ חוּמָשׁ אוּן זָאגְן מִיט מִיטְ'ן בַּעַל קוֹרֵא צוּ עֶנְדִיגְן דִי פַּרְשָׁה; לָאמִיר פָאלְגְן וָואס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן דִי מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח) פוּנֶעם הֵיילִיגְן גְרָ"א זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין זִיכֶער אַז מֶען וֶועט עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה. עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ פְרֵיילִיךְ - אוֹיסֶער תּוֹרָה, נָאר וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי הֵילִיגֶע תּוֹרָה וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

## "דַאדַא טַאטִי"...

דוּ וֶועסְט הֶערְן נָאכְאַמָאל חִיזּוּק אוֹיף 'שָׁלוֹם בַּיִת'; בַּיים רֶבִּי'ן אִיז שָׁלוֹם בַּיִת גֶעוֶוען אַ יְסוֹד, דֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט אַז מֶען זָאל רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָנִים רסג, רסד). אַז דוּ קוּמְסְט אַהֵיים אוּן דַיין וַוייבּ גֶעבְּט דִיר אַ פְּסַק, זִי שְׁרֵייט אוֹיף דִיר, אִיז גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען, וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן; שְׁטֶעל זִיךְ פָאר, דַיין קְלֵיין קִינְד שְׁרֵייט אוֹיף דִיר: "דוּ בִּיסְט אַ עֶקְלְדִיגֶע טַאטֶע"... "דַאדַא טַאטִי"... וָואס גֵייסְטוּ יֶעצְט טוּן? דוּ גֵייסְט וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט? נֵיין! דוּ גֵייסְט זִיךְ גוּט אוֹיסְלַאכְן אוּן גָארְנִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, אַזוֹי אִיז וֶוען דִי וַוייבּ גֶעבְּט אַ פְּסַק, זִי שְׁרֵייט "פַארְוָואס דוּ בִּיסְט אַהֵיים גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט" וְכַדוֹמֶה, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, זִי וֶוערְט נִישְׁט אוֹיס גוּטֶע וַוייבּ, מֶען הֶערְט אוֹיס אוּן מֶען אִיז עֶס מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה; דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען מֶעג אַהֵיים קוּמֶען שְׁפֶּעט, אָבֶער אַז דִי וַוייבּ שְׁרֵייט, דַארְף מֶען נִישְׁט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן, אִינְגַאנְצְן אוֹיסֶער זִיךְ.

## טֶערֶעפִּי

גְרַאדֶע זֶענֶען טַאקֶע דָא מֶענְטְשְׁן וָואס וֶוען זֵייעֶר קִינְד דְרוּקְט זִיךְ אוֹיס: "דוּ בִּיסְט אַ עֶקְלְדִיגֶע טַאטֶע"... "דַאדַא טַאטִי"... - וֶוערְן זֵיי אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן, זֵיי לוֹיפְן גְלַייךְ צוּ טֶערֶעפִּי, דֶער טֶערֶעפִּיסְט זָאל אוֹיסְלֶערְנֶען וָואס מֶען זָאל טוּן אִין דֶעם פַאל...

לֵיידֶער אִיז דָאס שׁוֹין הַיינְט גֶעוָוארְן אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ, מֶענְטְשְׁן לוֹיפְן צוּ דִי טֶערֶעפִּיסְטְן, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע צָרָה! עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַ סַכָּנָה פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל וִוי טֶערֶעפִּי! וָואס הָאבְּן דִי טֶערֶעפִּיסְטְן דוּרְכְגֶעלֶערְנְט, פוּן וואוּ נֶעמֶען זֵיי זֵייעֶרֶע עֵצוֹת אוּן מַהֲלָכִים? פוּן דִי גוֹיִם! זֵיי הָאבְּן דוּרְכְגֶעלֶערְנְט גוֹי'אִישֶׁע בִּיכֶער אוּן דָאס גֶעבְּן זֵיי אִיבֶּער פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער רַחֲמָנָא לִצְלָן.

לֵיידֶער הֶערְט מֶען נִישְׁט אַז דִי רַבָּנִים זָאלְן רֶעדְן דֶערְפוּן, אַלֶע זִיצְן שְׁטִיל וֶוען דִי מַצָּב אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ, רוֹב מָאל זֶענֶען זֵיי אַלְטֶע מֵיידְלֶעךְ, זֵיי וֶועלְן אוּנְז אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי

צום אייבערשטן און צו די תורה.

איך געדענק אלס בחור ווען איך בין אהיים געקומען פון ישיבה בין איך געווען זייער פריילעך, איך האב געשריבן חידושים אויף א ש"ך (שלחן ערוך, יורה דעה, סימן צח, סעיף קטן ח; בסוגיא דסליק את מינו כאילו אינו ושאינו מינו רבה עליו ומבטלו), איז איינער צוגעקומען צו מיר און געפרעגט: "וואס האסטו געלערנט?" זאג איך אים דעם ש"ך, זאגט ער מיר: ווייז מיר איין ש"ך וואס דו קענסט און איך געב דיר וויפל געלט דו ווילסט", און ער האט אנגעהויבן רעדן צו מיר פון דעם ש"ך און ער האט מיר צעמאלן, ער האט מיר געוויזן ווי איך קען גארנישט, איך בין געווארן דערפון זייער צעבראכן, זאגט ער מיר ווייטער: "יעצט זיך דו אויף איין מגן אברהם, איין ש"ך אדער איין סמ"ע פון גאנץ ארבעה חלקי שלחן ערוך, פארהער מיר וואס איך קען נישט"; - איך קען דיר נישט פארהערן, אבער באלד רוף איך אן אנדערער תלמיד חכם וואס וועט דיר ווייזן אז דו קענסט אויך נישט, ער וועט דיר לעכערן דיין קאפ...

ווי שווער איז דען א דף גמרא? וואס מאכט מען פון דעם אזא בער?! מען קען ענדיגן ש"ס; איך געב דיר נאר אביסל דערפון צו פארזוכן, יעצט זעץ זיך אוועק, נעם א גמרא און הייב אן זאגן דפים גמרא, דיין קאפ וועט זיך עפענען, דיין קאפ וועט זיך דיר שפאלטן, דו וועסט אנהייבן פארשטיין לערנען, אז מען זוכט צו פארשטיין, גייט מען אריין אין א קטנות און מען קען נישט פארשטיין, בלויז זאג די ווערטער און דו וועסט צוביסלעך אנהייבן צו פארשטיין.

אַזוֹי אוֹיפְצוּצִיעֶן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער?!... אַ פֶּערְצִיג יֶערִיג מֵיידל, וֶועט מִיר אוֹיסְלֶערְנֶען ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט קִינְדֶער?!... דִי פְרוֹיעֶן גֶעבְּן עֵצוֹת פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אָבֶּער אִין זֵייעֶר אֵייגֶענֶע לֶעבְּן קֶענֶען זֵיי זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן, אִין זֵייעֶר לֶעבְּן ווֵייסְן זֵיי נָאר פוּן אֵיין זַאךְ פוּן 'שְׁלָאפְן אַ גַאנְצְן טָאג אוּן גָארְנִישְׁט טוּן'... אָבֶּער פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן טְרֶעפְן זֵיי וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת...

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס דִי טֶערֶעפִּיסְטְן עֵצָה'נֶען בַּיי פְּרָאבְּלֶעמֶען פוּן שְׁלוֹם בַּיִת, אַז דִי ווַייבּ זָאל שְׁטֵיין אוֹיף אִירֶע רֶעכְטְן, זִיךְ אָפְּטֵיילְן פוּן אִיר מַאן וְכוּ', דָאס אִיז אָפְן קֶעגְן דִי תּוֹרָה, דָאס קוּמְט פוּנֶעם גוֹי טָמֵא, רַחֲמָנָא לִצְלָן! אַנְטְלוֹיפְט פוּן זֵיי ווַייל אֵיינְמָאל מֶען פַאלְט אַרֵיין אִין זֵייעֶרֶע הֶענְט אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן דֶערְפוּן, "כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן, וְלֹא יַשִּׂיגוּ אָרְחוֹת חַיִּים (מִשְׁלֵי ב, יט)"; מֶענְטְשְׁן קוּמֶען צוּ מִיר זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען ווִי זֵיי זֶענֶען אַרֵיינְגֶעפַאלְן אִין דִי הֶענְט פוּן דִי טֶערֶעפִּיסְטְן, אוּן זֵייעֶר לֶעבְּן אִיז זֵיי אוֹיס, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

## אַ בִּזָּיוֹן אִינְדֶערְהֵיים

דִי ווָאךְ הָאבְּן מִיר אִין דִי פַּרְשָׁה דִי מַעֲשֶׂה פוּן מִרְיָם וָואס הָאט גֶערֶעדְט אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן דִי פָּסוּק זָאגְט אוֹיף אִים (בַּמִּדְבָּר יב, ג): "וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָו מְאֹד מִכֹּל הָאָדָם אֲשֶׁר עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה", זָאגְט רַשִׁ"י: "עָנָו. שָׁפָל וְסַבְלָן", מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ סַבְלָן, עֶר הָאט גֶעקֶענְט דֶערְלַיידְן וֶוען אֵיינֶער טוּט אִים שְׁלֶעכְטְס, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט צוּרִיק גֶעטוּן. פְרֶעגְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן סוֹפֵר זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה (סֵפֶר שִׁיר מָעוֹן, נִדְפַּס בְּתוֹךְ סֵפֶר תּוֹרַת מֹשֶׁה), וָואס אִיז אַזוֹי גְרוֹיס דִי מַעֲלָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַז דִי תּוֹרָה רִימְט אִים אוֹיס אַז עֶר הָאט נִישְׁט צוּרִיק גֶעטוּן שְׁלֶעכְטְס פַאר מִרְיָם וֶוען זִי הָאט גֶערֶעדְט אוֹיף אִים, רוֹב מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַזוֹי, זֵיי עֶנְטְפֶערְן נִישְׁט צוּרִיק וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט זֵיי? עֶנְטְפֶערְט עֶר: וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט אַ בִּזָּיוֹן, אֵיינֶער פַארְשֶׁעמְט דִיךְ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אִין גַאס וְכַדּוֹמֶה, טוּט דָאס נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק וֵויי, וָואס גֵייט מִיר אָן וָואס יֶענֶער הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף מִיר, אָבֶּער אַז מֶען בַּאקוּמְט אַ בִּזָּיוֹן אִינְדֶערְהֵיים, פוּן אַ בְּרוּדֶער, שְׁוֶועסְטֶער אָדֶער פוּן דִי ווַייבּ, דָאס טוּט שׁוֹין זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי, דָאס אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ דֶערְלַיידְן, אָבֶּער מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דָאס אוֹיךְ גֶעקֶענְט דֶערְלַיידְן, דֶערְפַאר רוּפְט אִים אָן דִי תּוֹרָה מִיטְ'ן טִיטְל 'עָנָיו'.

אַ אִיד דַארְף לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל זַיין אַזוֹי דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל נִישְׁט דַארְפְן קַיין כָּבוֹד אִינְדֶערְהֵיים, עֶס זָאל אִים נִישְׁט אָנְגֵיין וָואס דִי ווַייבּ זָאגְט אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

## שִׂיחוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א נָאכְ'ן שִׁיעוּר

### זַיי מִיר מוֹחֵל

נָאכְן שִׁיעוּר הָאט זִיךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אָנְגֶערוּפְן: גֵיי אַהֵיים אוּן בֶּעט אִיבֶּער דַיין ווַייבּ, אֲפִילוּ נֶעכְטְן בִּיסְטוּ דוּרְכְגֶעפַאלְן, הָאסְט זִיךְ גֶעקְרִיגְט – אִיז דָאס נָאכְנִישְׁט קַיין גֶע'הַרְגֶ'טֶע שַׁבָּת, קֶענְסְט זִיךְ נָאךְ אִיבֶּער בֶּעטְן, זָאג אִיר: "זַיי מִיר מוֹחֵל אִיךְ וֶועל מֶער נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִיר אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט נֶעכְטְן", אוּן אַז זִי וֶועט דִיר זָאגְט: "דוּ מֵיינְסְט עֶס נִישְׁט אֶמֶת'דִיג, דוּ זָאגְסְט עֶס נָאר ווַייל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט דִיר עֶס גֶעהֵייסְן זָאגְן..." זָאג אִיר: "נֵיין, אִיךְ הָאבּ בֶּאֱמֶת שׁוֹין נֶעכְטְן גֶעטְרַאכְט דִיר דָאס צוּ זָאגְן, אִיךְ הָאבּ עֶכְט חֲרָטָה אוֹיף דֶעם ווִי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט נֶעכְטְן צוּ דִיר, אִיךְ גֵיי עֶס מֶער נִישְׁט טוּן", אוּן אַז זִי זָאגְט ווַייטֶער: "דוּ הָאסְט מִיר דָאס שׁוֹין טוֹיזְנְט מָאל גֶעזָאגְט אַז דוּ גֵייסְט מֶער נִישְׁט רֶעדְן אַזוֹי אוּן דוּ הָאסְט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט" זָאג אִיר: אִיךְ גֵיי אַרְבֶּעטְן אוֹיף מִיר, אִיךְ גֵיי ווֶערְן בֶּעסֶער".

דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע גְבוּרָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ, צוּ קֶענֶען זָאגְן פַאר דִי ווַייבּ: "זַיי מִיר מוֹחֵל", דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ אַרוֹיסְצוּזָאגְן פוּן מוֹיל.

### 'לְכָה דוֹדִי' מִיט דִי וֶוערְטֶער

דָאס אִיז וָואס דֶער רֶבִּי ווִיל פוּן אוּנְז, לֶעבְּן מִיט ווַייבּ מִיט לִיבְּשַׁאפְט, רֶעדְן שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵויטְן. אִין יְרוּשָׁלַיִם הָאבְּן מִיר אַ שׁוּל, קְרִיגְט מֶען זִיךְ דָארְט אַרוּם ווִי אַזוֹי מֶען זָאל זָאגְן שַׁבָּת בַּיינַאכְט בַּיים דַאוְונֶען 'לְכָה דוֹדִי', גֶעווִיסֶע טַעֲנָה'עֶן אַז מֶען מוּז זִיךְ פִירְן אַזוֹי ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, דֶערְפַאר דַארְף מֶען דָאס זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי וֶוערְטֶער אַזוֹי ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זִינְגְט עֶס, אַנְדֶערֶע טַעֲנָה'עֶן אַז מֶען דַארְף עֶס זִינְגֶען אָן דִי וֶוערְטֶער, הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "וָואס גֵייט פָאר מִיט עֶנְק?! דָאס אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה – זִינְגֶען 'לְכָה דוֹדִי' מִיט דִי וֶוערְטֶער...?! דָאס מֵיינְט זַיין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר, נָאכְמַאכְן דִי אַלֶע זַייטִיגֶע זַאכְן?! אַז עֶס פֶעלְט אוֹיס וֶועל אִיךְ אֶפְשָׁר אוֹיפְהֶערְן צוּ זִינְגֶען 'לְכָה דוֹדִי' מִיט דִי וֶוערְטֶער אִין אַמֶערִיקֶע וֶועט מֶען זִיךְ מֶער נִישְׁט קְרִיגְן... וָואס ווִיל דֶער רֶבִּי פוּן אוּנְז? דֶער רֶבִּי ווִיל אֵיין זַאךְ מֶען זָאל לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי ווַייבּ! מֶער פוּן דֶעם אִיז גָארְנִישְׁט דָא.

עֶס אִיז דָא אַ מוֹרָא'דִיגֶע בְּרִיוו פוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, דֶער זוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר שְׁרַייבְּט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט אִים אָנְגֶעפְרֶעגְט וֶוען מֶען זִינְגְט דֶעם זֶמֶר 'חַי ה' וּבָרוּךְ צוּרִי', פַאר'ן שְׁנַיידְן דִי אֵיי מִיט צְוִויבְּל אָדֶער נָאכְ'ן שְׁנַיידְן, שְׁרַייבְּט עֶר אִים צוּרִיק אַזוֹי: אִיךְ הָאבּ גֶעווִיזְן דֶעם בְּרִיוו פַאר מַיין טַאטֶען, זַיינֶע הָאר הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן שְׁרֶעק אוּן זַיינֶע אֵבָרִים הָאבְּן אוֹיפְגֶעצִיטֶערְט זֶעעֶנְדִיג ווִי עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס לִיגְן אִין אַזֶעלְכֶע שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים, זֵיי גֵייעֶן צוּ צַדִּיקִים נָאר נָאכְצוּמַאכְן דִי סָארְט זַייטִיגֶע זַאכְן; מַיין טַאטֶע הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס פְרֶעגְט אַזֶעלְכֶע שְׁטוּתִים – טָאר מֶען אִים נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, נָאר שְׁרַייבּ אִים צוּרִיק עֶטְלִיכֶע הַנְהָגוֹת אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם", אוּן אוֹיף דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם קוּנְטְרֵס 'הַנְהָגוֹת הָאָדָם', הַנְהָגוֹת ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

עֶס אִיז דָא אַן אוֹיסְדְרוּק: "דִי קָאפּ לִיגְט אִין דִי קַאלַאטְשְׁן..." דָאס הֵייסְט, אַ מֶענְטְשׁ וָואס נִיצְט נִישְׁט זַיין שֵׂכֶל צוּ טְרַאכְטְן; אַנְשְׁטָאט זוּכְן צוּ לֶעבְּן מִיט דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, מַאכְט מֶען אַן עֵסֶק פוּן אַזֶעלְכֶע זַייטִיגֶע זַאכְן. מֶען וֶוערְט נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר וֶוען מֶען זִינְגְט 'לְכָה דוֹדִי' מִיט דִי וֶוערְטֶער, מֶען וֶוערְט נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר וֶוען מֶען זִינְגְט דִי נִיגוּנִים פוּן בְּרֶסְלֶב, אַז דַיין ווַייבּ ווִיל דוּ זָאלְסְט זִינְגֶען בַּיי דִי סְעוּדוֹת דִי נִיגוּנִים וָואס מֶען זִינְגְט בַּיי אִירֶע עֶלְטֶערְן – זִינְג וָואס זִי ווִיל, פְרֶעג אִיר: "וָואס זָאל אִיךְ זִינְגֶען בַּיי דִי סְעוּדוֹת, וֶועלְכֶע נִיגוּנִים הָאסְטוּ לִיבּ?" אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר מֶעגְסְטוּ נָאכְאַלְץ זִינְגֶען דֶעם נִיגוּן וָואס דִי וֶועלְט זִינְגְט אוֹיף 'חַי ה' וּבָרוּךְ צוּרִי'... [דָאס אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע נִיגוּן, עֶס אִיז מְקוּבָּל אַז דֶער נִיגוּן הָאבְּן דִי לְוִיִּם גֶעזִינְגֶען בַּיי דִי עֲבוֹדָה אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ].

### אַ שִׂיחָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

נָאכְ'ן שִׁיעוּר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען אַ בָּחוּר צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט עֶטְלִיכֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה וְכוּ', אוּן הָאט דֶערְצֵיילְט אַז זַיין מַשְׁגִּיחַ אִין יְשִׁיבָה רוֹדְפְ'ט אִים אַז עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי פַּרְשָׁה אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן זוּנְטָאג, מֶען דַארְף מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פְרַייטָאג, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיפְגֶעמִישְׁט דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג) אוּן גֶעווִיזְן אִינֶעווֵיינִיג דֶעם לָשׁוֹן: "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן דֶער מְחַבֵּר זָאגְט ווַייטֶער (שָׁם, סְעִיף ד): "מִצְוָה מִן הַמֻּבְחָר שֶׁיַּשְׁלִים אוֹתָהּ קֹדֶם שֶׁיֹּאכַל בְּשַׁבָּת, וְאִם לֹא הִשְׁלִים קֹדֶם אֲכִילָה יַשְׁלִים אַחַר אֲכִילָה עַד הַמִּנְחָה; וְיֵשׁ אוֹמְרִים עַד רְבִיעִי בְּשַׁבָּת; וְיֵשׁ אוֹמְרִים עַד שְׁמִינִי עֲצֶרֶת דְּהַיְנוּ בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה, שֶׁאָז מַשְׁלִימִים הַצִּבּוּר", מִצְוָה מִן הַמֻּבְחָר אִיז צוּ עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה אֵיידֶער מֶען עֶסְט דִי סְעוּדָה, בְּדִיעֲבַד קֶען מֶען מַשְׁלִים זַיין בִּיז מֶען דַאוְונְט מִנְחָה, בְּדִיעֲבַד שֶׁבְּדִיעֲבַד קֶען מֶען מַשְׁלִים זַיין בִּיז מִיטְוָואךְ אָדֶער בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה. אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט צוּגֶעלֵייגְט: "ווַייז דָאס פַאר דַיין מַשְׁגִּיחַ, וֶועט עֶר זֶען ווִי דָאס אִיז אַ אָפֶענֶע סְעִיף אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

דֶערְנָאךְ הָאט אַ אִינְגֶערְמַאן גֶעזָאגְט פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז עֶר הָאט גֶעזֶען (אִין זְמִירוֹת בִּנְיַן אַבְרָהָם סְעִיף טז, הַגָּה אוֹת כז) פוּן הָרַב הַגָּאוֹן ר' אַבְרָהָם לֵייטְנֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (רֹאשׁ יְשִׁיבָה וְאַבַ"ד בִּנְיַן דָּוִד ד'מָאנְטֶעווִידֶעאָ) אַז עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז מֶען קֶען לְכַתְּחִילָּה מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן זוּנְטָאג אוּן ווַייטֶער, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִים גֶעזָאגְט: "אַז דוּ וֶועסְט גוּט זוּכְן וֶועסְטוּ זֶען אַז אַלֶע צַדִּיקִים זָאגְן דִי זֶעלְבֶּע, אָבֶּער נָאר דֶער רֶבִּי קֶען דָאס אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט".